Anny N 12

פרייז 25 גראָשען X -ער יאָהרגאַנג „Należytość pocztowa uiszczona ryczałtem" 35 (425) Radomer-Kielcer Leben" היינט 10 זייטען

Radom, dnia 2 września 1932 r.
ראדאָם, פרייטאָג א׳ אלול תרצ״ב

# ראַדאָמער-קעלצער לעבען

Redakcja i Administracja
Radom, Szwarlikowska 20

*Oddział w Kielcach.*

**אנאָנסען - פרייז:**

אין מילימעטער שורה: פארן טעקסט 40 גר.
„ „ „ אין „ 60 „
„ „ „ נאָכ'ן „ 25 „
די 1-טע און לעצטע זייט ענטהאַלטען
8 שפאַלטען
אין טעקסט 4 „

---

בזה הננו מודיעים מהצער הגדול שקרה את עדתנו במותו של העסקן הצבורי, רב פעלים

# מר בנימין האכמאן נ״ע

סגן יושב-ראש שלטון הקהלה העברית דעירנו וחבר ועד הקלוב לאומנים ופועלים

שנעדר אחד מחלה קצרה וכבדה בווארשא ביום ד׳ ש. ז. **בשנת הנ״ג לימי חייו**

**הלויתו למנוחת עולמים היתה בראדום ביום ה׳** ש. ז.

## יהי זכרו ברוך!

**חברי שלטון הקהלה העברית**
**בראדום**

---

טיעף געדיהרט און אין פיעל טרויער מעלדען מיר וועגען דעם טויט
פון לאנגיעהריגען כלל-טהוער און האנדווערקער-עסקן

# חבר בנימין האכמאן נ״ע

**וויצע-פרעזעס פון דער יודישער קהלה-פערוואלטונג**

**און מיטגליד פון מעטאל-צעך און פערוואלטונג'ס-מיטגליד פון האנדווערקער-קלוב אין ראדאָם,**

**וועלכער איז נאָך קורצע און שווערע ליידען געשטאָרבען אין**

**ווארשא מיטוואָך דעם 31/8 און די לוויה איז פאָרגעקומען אין ראדאָם דעם X/1 ד. י.**

## טהרט זיין אנדענקונג!

פערוואלטונג
פון יודישען **האנדווערקער-קלוב**
**אין ראדאָם.**

---

Głęboko wzruszeni przedwczesną śmiercią
**prezesa Zarządu Gminy Wyznaniowej**
**Żydowskiej w Radomiu**
B. P.

# Benjamina Hochmana

wyrażamy serdeczne współczucie pozostałej rodzinie

*Urzędnicy i funkcjonarjusze*
Gminy Wyznaniowej Żydowskiej
**w Radomiu**

---

טיעף ערשיטערט פון פלוצלינגען טויט
פון אונזער געליבטען און קיינמאָהל נישט פערגעסענעם חבר

# מיטגליד און פאָד-סטאַרשי בנימין האכמאן ז״ל

שטעהען מיר ביים אָפענעם קבר און מיר בעטייליגען זיך אין גרויסען צער פון זיין אין טרויער פערבליבענע פאמיליע. זיין נאָמען וועט אויף אייביג בלייבען אין אונזער זכרון

**פערוואלטונג פון מעטאל-צעך**
**ביים האנדווערקער-קלוב**
**אין ראדאָם.**

# בנימין האכמאן נ. ע.

דאס יורישע האנדווערקערטום אין ראדאם האט היינטיגע וואך געליטען א גרויסען פערלוסט. ס'איז אוועקגעריסען געווארען פון איהרע רייהען איינער פון איהרע שענסטע און אונערמידליכסטע עסקנים און טהוער.

פלוצלינג קראנק געווארען אין ראדאם און געשטארבען אין ווארשא, שנעל איז געקומען די קראנקהייט און נאך שנעלער דער טוידט.

זונטאג ביינאכט איז בנימין האכמאן פלוצלינג קראנק געווארען. די קרענק איז געקומען מיט א מורדיגע אכזריות אז אויף צומארגענס מאנטאג האט מען איהם געמוזט אוועקפיהרען קיין ווארשא. די קאנסוליום פון ראדאמער דריי דאקטוירים איז געווען אין א מיינונגס פערשידענהייט. טייל האבען געזאגט, אז די גאל איז איהם צעגאנגען און א טייל אז ער האט בעקומען א קישקעס-פערדרעהונג. אלענפאלס האבען זיי ערקלערט, אז די לאגע איז ערנסט און בעדראהט און געהייסען מאמענטאל נעמען איהם קיין ווארשא.

אין ווארשא אויף טשיסטע-שפיטאל האט מען איהם אפערירט. די אפעראציע איז געלונגען. אבער בנימין האכמאן, זייענדיג שוין לאנג דורכגעדרינגען מיט פערשידענע ליידען האט ניט געהאט קיין כח די אפעראציע איבערצוהאלטען און האט אויסגעהויכט די נשמה.

די ידיעה וועגען זיין טויט האט אין שטאדט געמאכט א שטארקען און אונגעהויערן רושם.

בנימין האכמאן איז געווען זעהר פאפולער און בעוואוסט אין שטאדט. ער האט אלע זיינע יאהרען געדינט די האנדווערקער-אינטערעסען געטריי און איבערגעגעבען. ער איז געווען פון די בעסטע, בעליבטסטע און [illegible] חברים. ער האט זיך מיט נפש געווען פארן האנדווערקער-כלל און בכלל געהאט א ווארים הארץ פאר אלע וואס האבען זיך צו איהם געווענדעט.

א רייהע יאהרען איז ער געווען פרנס אין דער קהלה, וואו דער קלוב האט איהם דעלעגירט און גמינע איז ער געווען דער טהעטיגסטער און פערנומען דעם אמט פון וויצע-פרעזעס און אלס אזעלכער איז אויף איהם געלעגען כמעט די גאנצע קהלה-ארבייט.

• • •

מיטוואך ווי נאר ס'איז בעוואוסט געווארען אז מ'וועט ברענגען בנימין האכמאן קיין ראדאם האט זיך געשאפען א לויה-קאמיטעט, אין וועלכען ס'זענען אריין די ה"ה: שמואל אדייעלבוים, שמואל בערקאוויטש, מאטיל אפאכאווסקי, חיים אהרן וויינאכט, אבא האך, חיים קארמאן און לייביש מענדל זילבערשטיין.

נעכטען, דאנערשטאג, איז פארגעקומען די לויה, וועלכע איז אויסגעפאלען זעהר אימפאזאנט. פיעל טויזענדער מענשען זענען געקומען אבגעבען דעם פערשטארבענעם האנדווערקער - עסקן דעם לעצטען כבוד.

דער ריזיגער לויה-צוג האט דורכמארשירט דעם האנדווערקער-קלוב, וואו די לויה האט זיך אבגעשטעלט און פון באלקאן אראב האט געהאלטען א טרויער-רעדע דער האנדווערקער-טהוער ה' אייזיק זימלער. פון דארט אין די לויה אוועק צום שוהל און בית-מדרש, וואו די עלעקטריע איז לכבוד דעם נפטר בעלויכטען געווארען.

א גרויסער עולם פון פיעל הונדערטער מענשען איז ארויס אויפ'ן בית-עלמין. צווישען די בעגלייטער איז אויך געגאנגען ה' בעסקער, רעפערענט פון רעליגיעזע ענינים אין סטאראסטווא. דארט האבען איהם ביים אפענעם קבר מספיד געווען דער פרנס ה' ירחמיאל גוטמאן הרב קעסטענבערג און ה' י. זאמער.

צובראכען און אין א נעדריקטע שטימונג האבען זיך די פיעל מלוים ובפרט די גרויסע האנדווערקער-מאסע אומגעקעהרט פון בית-עלמין צוליעב דער גרויסער און שמערצליכער אבידה.

כבוד זיין אנדענקען.

---

דעם טיפסטען בעדויערן און ביילייד צוליב'ן גרויסען פערלוסט פון אונזער חבר, דעם אונערמידליכען האנדווערקער-טהוער

# בנימין האכמאן נ"ע

דריקען מיר אויס דער אין טרויער פערבליבענע פאמיליע

המקום ינחם אותם בתוך שאר אבלי ציון וירושלים

פרעזעס **משה רובינשטיין**

און מיטגלידער פון **שניידער מייסטער-צעך**

אין ראדאם זשעראמסקי 30

---

דעם טיפסטען מיטגעפיהל דריקען מיר אויס די אין צער פערבליבענע פאמיליע האכמאן צוליעב דעם טויט פון זייער

מאן און פאטער

# בנימין נ. ע.

זאלען זיי מעהר נישט וויסען פון קיין צער

**בעריש האנצבערג** און פאמיליע

---

ZNANA Z PIERWSZORZĘDNEJ JAKOŚCI SWYCH WYROBÓW

**a istniejąca od roku 1826**

**FABRYKA SUKNA**

# Karol Jankowski i Syn

w BIELSKU

otworzyła SKŁAD FABRYCZNY

**w RADOMIU**

przy ulicy ŻEROMSKIEGO № 25

---

Biuro próśb i przepisywań

**„UNITAS"**

*RADOM, Żeromskiego 34* (w podwórzu)

**załatwia:**

**Prośby i podania** do wszelkich władz

**Windykacje protestów** i innych należności

**Prowadzi** prawidłowe i uproszczone **KSIĘGI HANDLOWE**

**Przepisywanie** na maszynie

Tanio! — Szybko! — Solidnie!

---

# אויף ראדאם שטעדט און זייער אומגעגענד

דעם אויסשליסליכען אליינפארקויף פון

# טיי, קאווע און קאקאו

אין 1/2, 1/4 קילאווע בלעכענע פאקונג אויף ראטעס וויל איבערגעגעבען די פירמע.

„STAWAN-TEA" Warszawa Orła 12

---

**Optyk Dyplomowany**



# Z. WĘGIER

Absolwent Wyższej Szkoły Optycznej w Jenie

RADOM ul Żeromskiego 25

**POLECA**

Okulary i binokle

Wykonanie recept ściśle według przepisów P.P. Lekarzy

**ZEISS PUNKTAL**

**Obsługa ściśle fachowa**

**Ceny b. przystępne**

---



# א שטארקע פּיאַנע בײַ א קלײנעם פערנוץ

דאָס איז אײנע פון די פיל מעלות פון פערפומירטען זײף מיט די יאַשטשורקע




דער צײכען יאַשטשורקע גאַראַנטירט, אַז דאָס איז
אַ בּערימטער זײף פאר א נידריגען פרײַז



א שײן אײנגעאָרדענט

## איבּערצוגעבּען גאַלאַנטעריע-געשעפט

וואָס עגזיסטירט שוין 25 יאָהר אין סאַמע צענטער שטאָדט
זשעראָמסקי № 1 פראָנט ערשטער שטאָק
דאָס געשעפט האָט א אײנגעפירטע קריסטליכע און אידישע קליענטעלע.
צו ערקינדיגען זיך אויפ׳ אָרט
מיט אכטונגספול
פירמע גינצבּערג.



## דאַנקזאַגונג

דער קאָמיטעט פון „צעירי-מזרחי" אין ראדאם דריקט אויס א דאַנק די פאָלגענדע פערזאָנען, וועלכע האָבּען זיך אויסגעצײכענט בּײם בּלימעל-פער־קויף לטובת דעם „החלוץ-המזרחי":
פרל. ר. עלענצווײג, מ. ציסערסקאַ, ח. גורפינקעל ח. גרינץ, ק. קלמפנר, בּעגעט און ה"ה: ר. מ. גוטמאַן, בּירענבּוים. ק. זלאָטניק, ב. גוטמאַן.



דער בּעוויסטער דאַמען-שנײדער

## א. העלפאַנט

איז צוריקגעקומען פון וואַרשא
נעבּרענגט די נײַ-מאָדערנסטע מאָדעלען
די אַרבּײט ווערט אויסגעפיהרט פּונקטליך און צו דער צופרידענהײט פון דער קליענטעל
נעמט אָן מאַניושקא 21 וו. 2. (ג. קאָשצ׳עלנע)


מיר דריקען אויס אונזער טיעפסטען מיטגעפיל דער פאַמיליע האָכמאַן
צוליבּ דעם פריצײטיגען טויט פון זײער ליבּען
מאַן און פאָטער

## בּנימין האכמאַן ז"ל

זאָלען זײ זײַן געשטאַרקט איבּער צו טראָגען דעם גרויסען צער
מנשה דאַנציגער און פרוי

---

מיר דריקען אויס דער פאַמיליע וואָלמאַן
אונזער טיעפסטען מיטגעפיהל צוליעבּ׳ן יונגען טויט פון זײער
ליבּען און אײדעלען זוהן

## אבּרהם נ. י.

מנשה דאַנציגער און פרוי

---

## קאָמוניקאַט פון ציוניסטען-רעוויזיאָניסטען

פערבּאַנד אין ראדאָם

אין צוזאַמענהאַנג דערמיט וואָס אונזער סניף איז לעצטענס ליקווידירט געוואָרען דורך דעם צ. ק. אין וואַרשא טרעטען מיר צו א רעאָרגאַניזאַציע פון אונזער סניף ווי אויך צו א ווערבּירונג׳ס אקציע פון נײַע חבירים און צו דעם צוועק רופען מיר צוזאַמען א אויסערגעוועהנליכע אַלגעמײנע פער־זאַמלונג אין לאָקאַל פון בּ״יתר לובּעלסקא 21 שבּת דעם 3 וועשיען פּונקט־ליך 5 נ. מ. אַלע חברים ווי אויך סימפּאַטיקער ווערען געבּעטען צו קומען פּונקטליך.

די פערזאַמלונג קומט פאָר בּײַ יעדער צאָהל חברים.

ועד של בּרית הצ"הר בּרדום

---


## אכטונג עלטערען!

אין צוזאַמענהאַנג מיט׳ן נײַם שול-יאָהר האָט די פערוואַלטונג פון דער „שול-קולט" שולע דעם כבוד בּעקאַנט צו מאַכען, אַז עס ווערט דאָס
יאָהר געעפענט

### א 6-ער קלאַס ווי אויך א צוגרײטונג׳ס-קלאַס
### פאַר אינגלעך און מײדלעך

צו דעם צוועק איז דער שול-בּנין פערגרעסערט געוואָרען דורך צודינגען א לאָקאַל אויף זשעראָמסקי 30.

די 7 קל. „שול-קולט" שולע (מיט גימנאַזיע-פּראָגראַם) האָט אין פערלויף פון עטליכע יאָהר פון איהר עקזיסטענץ בּעוויזען צו געפינען די גרעסטע אַנערקענונג בּײַ די על־טערען פון אונזער שטאָדט.

די שול-מאכט האָט נאָך עטליכע וויזיטאַציעס אין דער שולע אויס־געדריקט איהר גרעסטע אַנערקענונג פאר די גלענצענ־דע דערגרײכונגען אין אנוועזענהײט פון מיטגלידער פון עלטערען-קאָמיטעט (ה"ה: איתמר גאָרפינקעל, יחיאל גדינגערג, יצחק גרין, ישעיה אײגער, שלמה קעשענסקי און אנדערע.)

יודישע עלטערען! אויבּ איהר ווילט, אַז אײערע קינדער זאָלען ערצויגען ווערען אין גײסט פון אכטונג און לי־בּע צו דער יודישער געשיכטע און צו די אורקוועלען פון דער יודישער קולטור, צו דער העבּרעאישער און יודישער שפּראַך און צום א"י׳דיגען אויפבּוי-הערד און גלײכצײטיג דערמעגליכען זײ דורכצומאַכען וועלטליכע לימודים לויט׳ן גימנאַזיע-פּראָגראַם

שטיצט די בּעמיהונגען פון דער „שול-קולט" שולע
און פערשרײבּט מיט׳ן פולען צוטרוי אײער קינד.

אײַנשרײַבּונגען און עקזאַמענס קומען פאָר פון 23-טן שערפּיען אין דער שול-קאַנצעלאַריע וויקאָלדא 7 אָדער זשעראָמס־קי 30 פון 10 בּיז 2.

מיט אכטונג
פערוואַלטונג פון דער שול-קולט שולע.